## נאַכט-לאָקאַל / יוסף רובינשטיין

...איצט שפּילט די פֿידל בלויז פֿאַר זיך אַליין.
אין זאַל איז ליידיק שוין. מיט סטרוניקן געוויין
טויכט גלאַנציק-קאַלט אויף דער פּאַרקעט, ווּ אומעטיק און ווײַס
בלייכן טישלעך ליידיקע ווי קריִעס אײַז.
נאָר ערגעץ אויף אַ קריִע שווימט נאָך אַלץ אַ פּאָר —
זיי שווימען צו דעם לאַנד פֿון וואָכעדיקער וואָר.
אָט נאָך אַ בליק, אָט נאָך אַ שמייכל קוים,
אָט נאָך אַ רגע גליק, אָט נאָך אַ ווײַלע טרוים.
דער קעלנער וואַרט אין שוואַרצן טראַכט.
ער וואַרט, ווי אַ פּיראַט, פֿאַרטײַעט אין דער נאַכט.
אָט שטאַרבט די פֿידל שוין. זי גוססט סטרוניק-דין.
דער בויגן פֿאַלט אין בלויקייט פֿון באַגין.
דער לעצטער קרעכץ. און שוין. אַ רגע בלויז —
דער קעלנער טוט אַ שפּרײַז — דער טרוים איז אויס.

וואַרשע, 1939
(פֿון מאָדעלן)

## מוֹעֲדוֹן לַיְלָה / יוסף רובינשטיין

עברית: ישׂראלה בקר

... עַכְשָׁו מְנַגֵּן הַכִּנּוֹר לְעַצְמוֹ בִּלְבַד.
בָּאוּלָם כְּבָר רֵיק. לְקוֹל בְּכִי מֵיתָרִים נִרְעָד
צָף קַר וּבוֹהֵק הַפַּרְקֶט, וְעָלָיו לְבָנִים־עֲגוּמִים
מַחְוִירִים שֻׁלְחָנוֹת כְּמוֹ גּוּשֵׁי קֶרַח שׁוֹמֵמִים.
רַק אֵי־שָׁם עַל גּוּשׁ קֶרַח אֶחָד עוֹד מַמְשִׁיךְ זוּג לָשׁוּט —
שָׁטִים הֵם לְאֶרֶץ יְמוֹת־הַחֹל, הַמְּצִיאוּת.
הִנֵּה עוֹד מַבָּט, עוֹד צֵל שֶׁל בַּת־צְחוֹק,
עוֹד רֶגַע שֶׁל אֹשֶׁר, עוֹד חֲלוֹם חִישׁ יִמָּחֵק.
הַמֶּלְצָר מְחַכֶּה לָבוּשׁ פְּרָק שָׁחֹר.
אוֹרֵב־מִסְתַּתֵּר כְּמוֹ פִּירָט בְּלֵיל־שְׁחוֹר.
כְּבָר גּוֹסֵס הַכִּנּוֹר. בְּקוֹל מֵיתָר דַּק מַחְזִיר הַנְּשָׁמָה.
הַקֶּשֶׁת נִשְׁמֶטֶת עִם הָנֵץ הַחַמָּה.
אֲנָחָה אַחֲרוֹנָה. זֶה הַכֹּל. רַק הֶרֶף עַיִן —
הַמֶּלְצָר צוֹעֵד צַעַד — הַחֲלוֹם גָּז וְאַיִן.

תל־אביב, ינואר 2024